# בריוו אין רעדאַקציע

חשובער רעדאַקטאָר,

ווען כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל געלייענט פרוי שה־לבנס באַריכט וועגן אַ „ייִדיש־אויפלעב אין אַמעריקעס אוניווערסיטעטן” אין דער פרייער אַרבעטער שטימע ז״ל, האָב איך באַשלאָסן אָנצונעמען אַ פולן מויל מיט וואַסער, וואָס וועל איך גיין איר אָפּהאַקן די פליגל אַז ניט איך קען זי און ניט איך קען די לייענערס פון דער צייטונג? — אָבער ווי באַלד דער זעלבער באַריכט האָט זיך באַוויזן אויף די זייטן פונעם „קענעדער אָדלער” (פונעם 10טן מאַרץ), פיל איך אויף זיך אַ חוב לגבי די לייענערס פון מיין היימשטאָט.

אינעם פיטסבורגער אוניווערסיטעט האָט מען פאַרמאַכט פּראָפ׳ שה־לבנס קורס. ווייזט אויס, אַז דער ענטוזיאַזם פון די סטודענטן האָט ניט איבערגעוויגן דעם בודזשעט. דאָס גלייכן אין דעם ניו־יאָרקער שטאַטישן קאַלעדזש וואו דער אַקאַדעמישער ייִדיש־לימוד האָט זיך אָנגעהויבן מיט קנאַפּע 25 יאָר צוריק. דאָס גלייבן אין ברוקלין־קאַלעדזש. ייִדיש איז ניט מער ווי אַ לוקסוס פאַר אַ גרויסן אַקאַדעמישן אַנשטאַלט און אין אַ צייט פון צימצום, קען מען זיך אויף איר ניט דערלויבן. אין קווינס־קאַלעדזש, וואו מע גרייסט זיך אַזוי מיט די הונדערטער סטודענטן, האָט מען אָפּגעשאַפן דעם איינציקן פולן לערער־פּאָסטן פון ייִדיש קוים אַ יאָר נאָך דעם ווי מ׳האָט אים אויסגעפועלט ביי דער אַדמיניסטראַציע.

איך זאָג ניט חלילה אַז מע דאַרף מבטל מאַכן די פּאָר קורסן וואָס עקסיסטירן יאָ. איך אַליין צי פון זיי מיין חיונה און לעב זיך אויס דורך זיי. נאָר איידער מיר פּאַטשן זיך אין בייכל, דאַרפן מיר קודם־כל זען צו פאַרזיכערן דעם פינאַנציעלן קיום פון אונדזערע ייִדיש־קורסן און ייִדיש־אינסטיטוציעס.

מיט דרך ארץ, אייער

דוד הירש ראָסקעס

„קענעדער אַדלער”, פרייטיק, אַפּריל 21, 1978